יאַזאָנען און פֿון די איבעריקע, האָבן זיי זיי אָפּגע־
לאָזט.

10 און די ברידער האָבן גלייך אַרויסגעשיקט פּוילוסן
און סילאַן בײַנאַכט קיין בערעאַ; און ווען זיי זענען
אַהינגעקומען, זענען זיי אַרײַנגעגאַנגען אין דער
11 יידישער שול אַרײַן. און די דאָזיקע (יידן) זענען
געווען איידעלער ווי די אין טעסאַלאָניקאַ, ווייל זיי
האָבן אָנגענומען דאָס וואָרט מיט יעדער גרייטווילי־
קייט, און טאָג טעגלעך געפֿאָרשט די כּתבֿי (הקודש),
12 צי עס איז אַזוי. דעריבער האָבן אויך אַ סך פֿון זיי
געגלייבט, און נישט ווייניקע פֿון די פּאַרנעמע
13 גריכישע פֿרויען און מענער. נאָר ווי די יידן פֿון
טעסאַלאָניקאַ האָבן זיך דערוואוסט, אַז אויך אין
בערעאַ איז ג־טס וואָרט אָנגעזאָגט געוואָרן פֿון
פּוילוסן, זענען זיי אויך אַהינגעקומען, אויפֿ־
14 רעגנדיק און אויפֿהעצנדיק די מאַסן. און דעמלט
האָבן די ברידער גלייך אַרויסגעשיקט פּוילוסן צו
גיין ביז צום ים; און סילאַ און טימאָטעוס זענען
15 דאָרטן איבערגעבליבן. און פּוילוסנס באַגלייטער
האָבן אים געפֿירט ביז אַטען, און באַקומענדיק אַ
באַפֿעל צו סילאַ און טימאָטעוסן, אַז זיי זאָלן
קומען צו אים ווי צום געשווינדסטן, זענען זיי
אַוועקגעגאַנגען.

16 און בשעת פּוילוס האָט געוואַרט אויף זיי אין
אַטען, האָט זיך זיין גייסט פֿאַרביטערט אין אים,
זעענדיק ווי די שטאָט איז פֿול מיט אָפּגעטער.
17 דעריבער פּלעגט ער רעדן מיט די יידן אין שול
און מיט די יראת־שמימדיקע (גריכן), און יעדן טאָג
אויפֿן מאַרק מיט די לייט, וועמען ער האָט געטראָפֿן.
18 און אויך אייניקע פֿון די עפּיקורעישע און סטאָאישע
פֿילאָסאָפֿן האָבן זיך געפּלפּולט מיט אים. און אייניקע